בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי

תשפ"א

הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


מֶעג אִיךְ לָאזְן מַיין קְלֵיין טָאכְטֶער הֶערְן מוּזִיק
אִין דִי דְרֵיי וָואכְן?........................................ א

וִוי אַזוֹי הִיט אִיךְ אָפּ מַיין קִינְד פוּן אַן עַיִן הָרָע?.................... ב

פַארְוָואס זָאגְט מֶען מִיר אָפּ יֶעדֶע שִׁידוּךְ?.......................... ד

מֶעג מֶען לֶערְנֶען בִּשְׁעַת'ן דַאוֶנֶען?............................ ח

לוֹינְט זִיךְ צוּ קוֹיפְן אַ הוֹיז פַאר מָשִׁיחַ קוּמְט?....................... יא

עֶס וֶוערְט מִיר שׁוֹין גְרִינְגֶער צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן....................... יג

קֶענֶען מַיינֶע פְרֵייעֶ עֶלְטֶערְן קוּמֶען וואוֹינֶען נֶעבְן מִיר?............ טו

וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְט מֶען דֶעם גֶעשְׁמַאק פוּן זַיין אַ אִיד?.................. כא


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


מַעֲשִׂיוֹת פַאר קִינְדֶער........................................ א

זָאלְסְט זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט פַאר דַיין גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט
מִיט דִי קִינְדֶער........................................ ג

זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דִי שִׂמְחָה זָאל אִיבֶּערְדִינֶען........................ ג

אַז מֶען הִיט דִי הֲלָכוֹת הָאט מֶען גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.................... ה

טֶעקְסְט אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, אָבֶער נָאר מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.............. ו

אַז מִיר לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן "אֲשֶׁר בַּנַחַל",
אִיז מוֹהֲרָא"שׁ צְוִוישְׁן אוּנְז........................................ ו

אוֹיבְן אִין הִימְל קוּקְט מֶען וֶוער עֶס גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין וֶועג פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד..................................................ז

דֶער שְׁלִיסְל פוּן קִינְדֶער לִיגְט נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הֶענְט ...ח

מִיר קְלָאגְן אוֹיפְ׳ן חוּרְבַּן בֵּית הַמִקְדָּשׁ.....................................י

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**מֶעג אִיךְ לָאזְן מַיין קְלֵיין טָאכְטֶער הֶערְן מוּזִיק אִין דִי דְרֵיי וָואכְן ?**

**שְׁאֵלָה :**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין קְלֵיינֶע טָאכְטֶער הָאט זֵייעֶר לִיב מוּזִיק, אוּן צוּמָאל אִיז דָאס דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג אִיר צוּ בַּארוּאִיגְן, דֶערְפַאר הָאב אִיךְ צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַ קָאלֶעקְצִיעֶ פוּן מוּזִיק פַאר אִיר, אַז זִי זָאל קֶענֶען הֶערְן אוּן הֲנָאָה הָאבְן.

יֶעצְט אָבֶער אִין דִי דְרֵיי וָואכְן, אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים, וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. מֶעג אִיךְ אִיר עֶס לָאזְן הֶערְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה :**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**הַיינְט אִיז דָא צוּ בַּאקוּמֶען נִיגוּנִים גֶעזִינְגֶען אָן קַיין מוּזִיק; דָאס אִיז מֻתָּר צוּ הֶערְן אִין דִי טֶעג. אוֹיךְ קֶען מֶען אָנְצִינְדְן פַאר קִינְדֶער ׳קִינְדֶער טֶעיפְּס׳ וָואס דֶער עִיקָר פוּנֶעם טֶעיפּ אִיז דִי מַעֲשִׂיּוֹת, דִי מוּזִיק אִיז נָאר צוּ אוּנְטֶער שְׁפִּילְן וְכוּ׳.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**ווי אַזוֹי הִיט אִיךְ אָפּ מַיין קִינְד פוּן אַן עַיִן הָרָע?**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אוּנְזֶער שֵׁיינֶע לֶעבְּן אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ אוּן מַיין מַאן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק, אוּן דִי חִיזוּק אוּן עֵצוֹת בַּאגְלֵייטְן אוּנְז אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן; וֶוען אִיךְ גֵיי אוֹיפְ'ן גַאס מִיט מַיין קִינְד, וֶוער אִיךְ כְּסֵדֶר אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דוּרְךְ אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן וָואס זָאגְן מִיר וִוי שֵׁיין אוּן וִוי זִיס דָאס קִינְד אִיז. דַארְף אִיךְ מוֹרָא הָאבְּן פַאר אַן עַיִן הָרָע? אוּן אוֹיבּ יָא, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן וִוי שֵׁיין עֶנְקֶער לֶעבְּן אִיז, אִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

בְּנוֹגֵעַ עַיִן הָרָע וְכוּ'; יֶעדֶעס מָאל אִיר גֵייט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן אוּן מֶען רוּמְט אוֹיס אַייעֶר קִינְד, מֶען פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ אוֹיף דִי שֵׁיינְקֵייט וְכוּ', זָאלְט אִיר גְלַייךְ גֶעבְּן דִי קְרֶעדִיט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלַייךְ זָאגְן הוֹיךְ, יֶענֶער זָאל הֶערְן: "יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", - דֶעמָאלְט וֶועט נִישְׁט שָׁאטְן קַיין עַיִן הָרָע; אַז מֶען נֶעמְט דִי גְדֻלָּה פַאר זִיךְ - דֶעמָאלְט שָׁאט דִי עַיִן הָרָע.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג צוּ גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע כָּבוֹד אוּן גְדֻלָּה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו): "כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לְמַעֵט בִּכְבוֹד עַצְמוֹ וּלְהַרְבּוֹת בִּכְבוֹד הַמָּקוֹם", מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֶעבְּן דִי כָּבוֹד פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס וָואס מֶען הָאט - אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען הָאט גֶעלוּנְגֶענֶע טַאלַאנְטְן דַארְף מֶען טְרַאכְטְן 'דָאס הָאט נִישְׁט מִיט מִיר, דָאס אִיז אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', 'אַז אִיךְ הָאבּ גוּטֶע קִינְדֶער, שֵׁיינֶע

קִינְדֶער - הָאט דָאס נִישְׁט מִיט מִיר, דָאס אִיז מַתָּנוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, "כִּי מִי שֶׁרוֹדֵף אַחַר הַכָּבוֹד, אֵינוֹ זוֹכֶה לִכְבוֹד אֱלֹקִים, אֶלָּא לְכָבוֹד שֶׁל מְלָכִים, שֶׁנֶּאֱמַר בּוֹ (מִשְׁלֵי כה, ב): ׳כְּבֹד מְלָכִים חֲקֹר דָּבָר׳, וְהַכֹּל חוֹקְרִים אַחֲרָיו וְשׁוֹאֲלִים: מִי הוּא זֶה וְאֵיזֶהוּ, שֶׁחוֹלְקִים לוֹ כָּבוֹד הַזֶּה, וְחוֹלְקִים עָלָיו, שֶׁאוֹמְרִים שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לַכָּבוֹד הַזֶּה", וַוייל אוֹיבּ מֶען נֶעמְט דִי כָּבוֹד פַּאר זִיךְ אַלֵיינְס, מֶען טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט קוּקְן מֶענְטְשְׁן שְׁלֶעכְט, מֶען זוּכְט ווִי מֶען קֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, "אֲבָל מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַכָּבוֹד, שֶׁמְּמַעֵט בִּכְבוֹד עַצְמוֹ וּמַרְבֶּה בִּכְבוֹד הַמָּקוֹם", אָבֶּער אַז מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן כָּבוֹד, מֶען גֶעדֶענְקְט ׳אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ, אַלֶעס וָואס אִיךְ בִּין - אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דִי גַאנְצֶע כָּבוֹד קוּמְט אִים׳, "אֲזַי הוּא זוֹכֶה לִכְבוֹד אֱלֹקִים, וְאָז אֵין בְּנֵי אָדָם חוֹקְרִים עַל כְּבוֹדוֹ אִם הוּא רָאוּי אִם לָאו, וְעָלָיו נֶאֱמַר (מִשְׁלֵי, שָׁם): ׳כְּבֹד אֱלֹקִים הַסְתֵּר דָּבָר׳, כִּי אָסוּר לַחֲקֹר עַל הַכָּבוֹד הַזֶּה", אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ קַיין עַיִן הָרָע, מֶען קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן.

אַז אִיר שְׁפִּירְט עֶס אִיז דָא שְׁלֶעכְטֶע אוֹיגְן אוֹיף אַייךְ אוּן אַייעֶר קִינְד, אִיז דָא אַן עֵצָה פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ ווִי אַזוֹי דָאס אַוֶועק צוּ נֶעמֶען. מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט אַ סְגוּלָּה פוּן גִיסְן זַאלְץ בַּיים טִיר; וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זָאל מֶען אוֹיסְגִיסְן זַאלְץ בַּיים טִיר, אוֹיף דִי לֶענְג פוּנֶעם שְׁוֶועל בַּיים עֶרְשְׁטְן אַרַיינְגַאנְג, וֶועט דִי עַיִן הָרָע אַוֶועק גֵיין.

דֶער עִיקָר עֵצָה ווִי אַזוֹי פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן עַיִן הָרָע - אִיז דוּרְךְ תְּפִלָּה, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן גֶעשֶׁעדִיגְט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס קוּקְן שְׁלֶעכְטְס. עֶס אִיז דָא אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (לִקּוּטֵי תְּפִילּוֹת חֵלֶק א׳, תְּפִלָּה נד) וואוּ עֶר בֶּעט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאגְט דִי תְּפִלָּה וֶועט אִיר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס:

"וּבְכֵן יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁתִּרְאֶה בְּעָנְיֵנוּ וְדָחֲקֵנוּ וַעֲמָלֵינוּ, וְתָשׁוּר בְּעָנְיֵנוּ וְתַבִּיט בַּעֲמָלֵנוּ וְתָצִיץ עָלֵינוּ בְּרַחֲמֶיךָ, וְתַשְׁגִּיחַ עָלֵינוּ בְּעֵין חֶמְלָתֶךָ וְתִשְׁמְרֵנוּ בְּרַחֲמֶיךָ הַטּוֹבִים, וְתַצִּילֵנוּ תָּמִיד מֵרַע עַיִן, שֶׁלֹּא יִהְיֶה לָנוּ שׁוּם עַיִן רָעָה עַל שׁוּם אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם רַק נִסְתַּכֵּל תָּמִיד עַל

כָּל אֶחָד בְּעַיִן טוֹבָה, וְנִזְכֶּה לִהְיוֹת מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם שְׁלֹשָׁה מִדּוֹת טוֹבוֹת שֶׁהֵם עַיִן טוֹבָה וְנֶפֶשׁ שְׁפָלָה וְרוּחַ נְמוּכָה וְתִשְׁמְרֵנוּ וְתַצִּילֵנוּ מִתַּלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע שֶׁיֵּשׁ לָהֶם שָׁלֹשׁ מִדּוֹת רָעוֹת שֶׁהֵם עַיִן רָעָה וְרוּחַ גְּבוֹהָה וְנֶפֶשׁ רְחָבָה אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ, אַדִּירֵנוּ, בּוֹרְאֵנוּ, גּוֹאֲלֵנוּ, יוֹצְרֵנוּ, קְדוֹשֵׁנוּ, קְדוֹשׁ יַעֲקֹב, רוֹעֵנוּ, רוֹעֵה יִשְׂרָאֵל, הַמֶּלֶךְ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב לַכֹּל, טוֹב עַיִן בֶּאֱמֶת, זַכֵּנִי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים שֶׁאֶזְכֶּה לְהִתְדַּבֵּק בְּמִדּוֹתֶיךָ הַטּוֹבִים לִהְיוֹת טוֹב עַיִן בֶּאֱמֶת תָּמִיד וְתַצִּילֵנוּ בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים מֵעַיִן רָעָה שֶׁלֹּא יִשְׁלֹט בָּנוּ שׁוּם עַיִן רָעָה מִשּׁוּם אָדָם וּמִשּׁוּם נִבְרָא שֶׁבָּעוֹלָם וְלֹא יִהְיֶה לְהָרַע עַיִן שׁוּם כֹּחַ וְשׁוּם שְׁלִיטָה וְלֹא יוּכַל לְהַזִּיק לָנוּ כְּלָל חַס וְשָׁלוֹם לֹא בְּגַשְׁמִיּוּת וְלֹא בְּרוּחָנִיּוּת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס זָאגְט מֶען מִיר אָפּ יֶעדֶע שִׁידוּךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען אָן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין שׁוֹין אֵיין אִין צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט אוּן עֶס אִיז מִיר שׁוֹין נִמְאָס פוּן דִי בָּחוּר'ישֶׁע לֶעבְּן, אִיךְ ווִיל שׁוֹין זֵייעֶר שְׁטַארְק טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, אָבֶּער מַמָּשׁ יֶעדֶע שִׁידוּךְ וָואס מֶען טְרָאגְט מִיר אָן, וֶוערְט אָפְּגֶעזָאגְט ווַייל זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר. אִיךְ וֶוער שׁוֹין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ וֶוען מֶען טְרָאגְט עֶפֶּעס אָן, ווַייל אִיךְ וֵוייס אַז צוּם סוֹף וֶוערְט עֶס אוֹיס.

וֶוער נָאךְ ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְשְׁטֵייט מִיר, אִיךְ וָואלְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר צוּרִיק שְׁרַייבְּן אוּן מְחַזֵּק זַיין.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַיין הַארְץ גֵייט אוֹיס פַאר דִיר, אִיךְ בֶּעט אַזוֹי סַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ.

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר בָּחוּרִים; מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער, זֵיי ווִילְן אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין עֶרְלִיךְ, אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, זֵיי ווִילְן שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן אָדָם הַשָּׁלֵם, עֶס אִיז זֵיי אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אַלֵיינְס. מֶען הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף זֵיי, אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען טַעֲנוֹת אוֹיף זֵיי, אִין יְשִׁיבָה הָאט מֶען טַעֲנוֹת אוֹיף זֵיי, מֶען יָאגְט זֵיי פוּן אַלֶע זַייטְן, קֵיינֶער שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט פָאר אִין ווִיסְטְן חָלוֹם וָואס דִי בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ; דַיין שִׁידוּךְ וֶועט אָנְקוּמֶען, דוּ זָאלְסְט נָאר נִישְׁט זַיין קַיין אָפְּהַאלְט, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַוֶועק וואַרְפְן קַיין שִׁידוּכִים, אוֹיסֶער אוֹיבּ דָאס אִיז אַ קְרַאנְקֶע זַאךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אַז דוּ דְרֵייסְט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב, דוּ נֶעמְסְט חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן אוּן דוּ פָאלְגְסְט דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ לֶערְנְסְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) וָואס הָאט אוּנְז גֶעווִיזְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי יֶעדֶער קֶען לֶערְנֶען, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - דָאס וֶועט נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן דַיין שִׁידוּךְ, דָאס וֶועט נָאר צוּאַיילְן דַיין שִׁידוּךְ. אַז דוּ פָאלְגְסְט דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ גֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג, דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס וֶועט נָאר בְּרֶענְגֶען דַיין שִׁידוּךְ שְׁנֶעלֶער.

עֶנְדֶערְשׁ זֵיי תּוֹלֶה אַז דַיין שִׁידוּךְ אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען - צוּלִיבּ דַיינֶע עֲבֵירוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פז): "וְלִפְעָמִים, מֵחֲמַת

זֶה הַפְּגַם יוּכַל לְאַבֵּד אֶת זִוּוּגוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁנָּטָה מִזִּוּוּגוֹ קָשֶׁה לוֹ לִמְצֹא אֶת זִוּוּגוֹ, וַאֲפִילוּ אִם יִמְצָא אֶת זִוּוּגוֹ, תִּהְיֶה לוֹ מְנַגֶּדֶת וְלֹא תִּהְיֶה נוֹטָה אַחַר רְצוֹנוֹ", וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - דֶער פַּארְלִירְט זַיין שִׁידוּךְ, און אֲפִילוּ עֶר טְרֶעפְט יָא זַיין שִׁידוּךְ - פַּארְלִירְט עֶר דִי שָׁלוֹם אִין שְׁטוּב, דִי וַוייבּ וֶועט אַלְץ גֵיין קֶעגְן אִים, ווִיבַּאלְד עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען; אַ שִׁידוּךְ פַּארְלִירְט מֶען נִישְׁט צוּלִיבּ הִתְקַרְבוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי אִין אַ ווִינְקְל וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט שׁוֹין טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, בֶּעט דִי תְּפִלָּה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעבֶּעטְן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תְּפִלָּה פַאר בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן דָאס בֶּעטְן, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער טְרֶעפְן שְׁנֶעל זֵייעֶר שִׁידוּךְ.

דָא הָאסְטוּ דִי תְּפִלָּה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אוּן נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶוען אַזוֹי וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶּער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אוּן צוּלִיבּ דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁידוּךְ. זֵיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קֵיין עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? פוּן מַיין זַייט בִּין אִיךְ גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן הַיינְט נַאכְט! וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז אִיךְ ווִיל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

די חֲזַ"ל זָאגְן אוּנְז אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה נָאךְ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דוּ זָאגְסְט אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵייִן. פַארְוָואס זָאל מִיר קוּמֶען אַזַא הַארְבֶּער עוֹנֶשׁ אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן אַז מַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵייִן? וָואס בִּין אִיךְ דֶען שׁוּלְדִיג? פַארְוָואס קוּמְט עֶס מִיר? אִיז מִיר נִישְׁט גֶענוּג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין אוּן וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם אַלֵיין אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אוּן אוֹיסְוַוארְטְן מִיט רוּאִיגְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ טוּסְט אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אוּן מִיט דֶעם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין! נָאר דוּ וֵוייסְט מַיינֶע גֶעפִילְן! ווִי אַזוֹי אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן מִיר אַלֵיין! אַז אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין! הֶעלְף מִיר אַז דִי בִּזְיוֹנוֹת זָאלְן זַיין פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת אַז מִיט דֶעם זָאל אִיךְ אָפְּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אַזוֹיפִיל אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב.

אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ גְלֵייבּ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן. סוֹף כָּל סוֹף וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. אוּן דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִינְדֶערְהֵיים, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן בַּיי אוּנְז אַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן גֶעט'ן חַס וְשָׁלוֹם.

הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ וַתְּרָן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מְוַותֵּר זַיין אוּן נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ

**פְרֵיילִיכֶע הויז, עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִינֶדערְהֵיים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְצִיעֶן אוֹיפְ'ן עֶרְלִיכְן אִידִישְׁן וֶועג אוּן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן חֶסֶד.**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֶם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה], אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן״.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**מֶעג מֶען לֶערְנֶען בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶונֶען?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וואוּ עֶר רֶעדְט זֵייעֶר שַׁארְף קֶעגְן דָאס לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא וְכַדוֹמֶה בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶנֶען.

אִין דֶעם בֵּית הַמִדְרָשׁ וואוּ אִיךְ דַאוֶון אִיז דָא אַ רַב וָואס דַאוֶונְט זֵייעֶר לַאנְג, רוֹב עוֹלָם לֵיינֶען גִלְיוֹנוֹת אוּן בְּלֶעטְלֶעךְ בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶונֶען, הָאבּ אִיךְ גֶעקְלֶערְט צִי עֶס אִיז נִישְׁט עֶנְדֶערְשׁ אַז אִיךְ זָאל אִין דִי צַייט אַרַיינְכַאפְּן אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, תְּהִלִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אִין דִי צַייט וָואס מֶען דַארְף סַיי ווי וַוארְטְן אוֹיפְ'ן רַב; אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵק, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן אִין וָואס פַאר אַ מַצָב אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען אָן דִי שִׁיעוּרִים.

אִיךְ וויל בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן גְרִינְג.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ מְסַדֵּר זַיין צוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט אִין אַ מִנְיָן וָואס דַאוֶוענְט זֵייעֶר לַאנְג.

מוֹהֲרַא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר פְלֶעגְט אַזוֹי טוּן; וֶוען מֶען הָאט אִים אַסַאךְ מָאל אַרַיינְגֶערוּפְן מַשְׁלִים זַיין דֶעם מִנְיָן בַּיים סְקוּלֶענֶער רֶבִּי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דָאס דַאוֶוענֶען הָאט גֶענוּמֶען זֵייעֶר לַאנְג, הָאט מוֹהֲרַא״שׁ אוֹיסְגֶערֶעכְנְט ווִי לַאנְג עֶס נֶעמְט אִים צוּ דַאוֶוענֶען, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן וֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעהַאלְטְן אַרַיין אִינֶעם דַאוֶוענֶען - הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען.

אֵיינֶער אִיז מִיר גֶעקוּמֶען זָאגְן אַז עֶס קוּמְט אִים אַ מַזָּל טוֹב, עֶר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ - תַּנַ״ךְ, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, רַמְבַּ״ם, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מֶדְרָשׁ רַבָּה, מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, וְכוּ׳ וְכוּ׳; יֶענֶער דַאוֶוענְט בַּיי אוּנְז אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט, בִּשְׁעַת קְרִיאַת הַתּוֹרָה הֶערְט עֶר נִישְׁט אוֹיס דָאס לֵיינֶען, עֶר אִיז גּוֹרֵס זַיינֶע שִׁיעוּרִים, בִּשְׁעַת מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת זִינְגְט עֶר נִישְׁט מִיט, עֶר אִיז גּוֹרֵס זַיינֶע שִׁיעוּרִים; הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "נִישְׁט דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט, דֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יב): 'עִקָּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת', דֶער עִיקָּר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ ווִי אַ פָּשׁוּט׳עֶר אִיד, מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת. נִישְׁט זוּכְן קַיין חָכְמוֹת, נָאר וֶוען מֶען דַאוֶוענְט - זָאל מֶען דַאוֶוענֶען, וֶוען מֶען לֵיינְט דִי תּוֹרָה - זָאל מֶען אוֹיסְהֶערְן דִי קְרִיאָה, אוּן וֶוען מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת זָאל מֶען מִיט זִינְגֶען".

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קד) מוֹרָא׳דִיגֶע וֶוערְטֶער: "הָיָה אוֹהֵב מְאֹד אֶת הָעֲבוֹדוֹת הַפְּשׁוּטוֹת", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי פָּשׁוּט׳עֶ עֲבוֹדוֹת, "שֶׁל סְתָם בְּנֵי אָדָם, הָאֲנָשִׁים הַפְּשׁוּטִים הַכְּשֵׁרִים", פוּן

פָּשׁוּטְ'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן, "וְהָיָה אוֹהֵב מְאֹד מִי שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר הַרְבֵּה תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת בְּתוֹךְ הַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים כְּדֶרֶךְ הֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט וֶוער עֶס קֶען זָאגְן אַסַאךְ תְּחִנּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין דִי גְרוֹיסֶע סִדּוּרִים, אַזוֹי וִוי דִי פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ, "וְהָיָה מַזְהִיר וּמוֹכִיחַ אוֹתָנוּ כַּמָּה פְּעָמִים, לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת", אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז זֵייעֶר אָנְזָאגְן אוּן אָנְוָוארֶענֶען אַז מִיר זָאלְן זִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת, "וְהָיָה מַקְפִּיד וְכוֹעֵס מְאֹד עַל מִי שֶׁהוּא חָכָם בְּעֵינָיו וְאֵינוֹ מִתְאַמֵּץ לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי שַׁבָּת אוֹ שְׁאָר עֲבוֹדוֹת פְּשׁוּטוֹת", אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיבֶּער חֲכָמִים אוּן זֵיי זִינְגֶען נִישְׁט קַיין זְמִירוֹת שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי מְלַוֶּה מַלְכָּה אוּן אַנְדֶערֶע פָּשׁוּטְ'עֶ עֲבוֹדוֹת, "כִּי עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיךְ צוּ פִירְן פָּשׁוּט אָן קַיין חָכְמוֹת - וִוי אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד.

שְׁרַייבְּט וַוייטֶער רֶבִּי נָתָן: "וְגַם הוּא בְּעַצְמוֹ קֹדֶם שֶׁהִגִּיעַ לוֹ הַחוֹלַאַת הַכָּבֵד שֶׁנִּסְתַּלֵּק עַל יָדוֹ, קֹדֶם לָזֶה כָּל יָמָיו הָיָה מְזַמֵּר זְמִירוֹת הַרְבֵּה בְּכָל שַׁבָּת וְשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי שַׁבָּת", דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִינְגֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ זְמִירוֹת יֶעדְן שַׁבָּת אוּן יֶעדְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

אַז מֶען דַאוֶוענְט אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער אַז מֶען דַאוֶוענְט נִישְׁט שְׁטַייט - וִוי קֶען מֶען לֶערְנֶען בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶוענֶען? דֶעם קוּמְט נִישְׁט קַיין מַזָּל טוֹב, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען דַאוֶוענֶען אוּן אוֹיסְהֶערְן דָאס לֵיינֶען, אוּן וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט זַייטִיגֶע זַאכְן - דֶעמָאלְט זָאל מֶען לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לוֹינְט זִיךְ צוּ קוֹיפְן אַ הוֹיז פַּאר מָשִׁיחַ קוּמְט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בֶּאֱמֶת וָואלְט אִיךְ יֶעדְן טָאג גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן דַאנְק בְּרִיוְון אוֹיף דִי אוֹיסְנַאם שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, דָאס מַאכְט מִיר מַיין לֶעבְּן. אִיךְ קֶען קְלָאר זָאגְן אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים, אַז 'לוּלֵי תוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי אָז אָבַדְתִּי בְעָנְיִי'. בִּפְרַט הָאבּ אִיךְ לִיבּ דָאס וָואס אִיר וַוארְפְט אַלֶעמָאל אַרַיין עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר'ן טָאג טֶעגְלִיכֶע לֶעבְּן בִּשְׁעַת דִי דְרָשׁוֹת, אוּן דָאס גֶעבְּט אַסַאךְ צוּ, אוּן אִיךְ זָאג עֶס וַוייטֶער אִיבֶּער פַאר אַנְדֶערֶע.

אַ קְלֵיינֶע דֻּגְמָא, בַּיי אֵיין דְרָשָׁה הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי צוּ אַ בְּלוֹיעֶ הִימְל אִיז עֶס מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא אוּן מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶערוֹיף, דִי קוּמֶענְדִיגֶע טָאג אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַזַא שֵׁיינֶע סָארְט וֶועטֶער אוּן אוֹיטָאמַאטִישׁ הָאבּ אִיךְ עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר מַיינֶע 5-6 יֶערִיגֶע תַּלְמִידוֹת, זֵיי הָאבְּן וִוי שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּגֶעהֶערְט מִיט אָפֶענֶע מֵיילֶער, אוּן מֶען הָאט צוּזַאמֶען גֶעזָאגְט שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּילְט אִין הוֹיף, קוּמֶען צוּ צוּ מִיר צְוֵויי פוּן מַיינֶע תַּלְמִידוֹת אוּן זָאגְן אַז זֵיי גֵייעֶן גָארְנִישְׁט שְׁפִּילְן וַוייל זֵיי ווִילְן נָאר אַרוּמְגֵיין אוּן זָאגְן 'שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער' פַאר יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי זֶעעֶן. אַוַדַאי הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אָבֶּער זֵיי מֶעגְן יָא שְׁפִּילְן אוּן קֶענֶען בִּשְׁעַתְ'ן לוֹיפְן, פָארְן, אוּן שְׁפְּרִינְגֶען - אַסַאךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶעס וָואס זֵיי קֶענֶען. דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי צֶענְדְלִיגֶע בֵּיישְׁפִּילְן וִוי וַוייט עֶס טוּט דֶערְגְרֵייכְן אוּן אוֹיפְטוּן יֶעדֶעס וָוארְט פוּן יֶעדְן שִׁיעוּר.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה, דָא אִין גֶעגְנְט וואוּ אִיךְ וואוֹין גֵייט לֶעצְטְנְס סְפֶּעצִיעֶל שְׁטַארְק אַרוֹיף דִי פְּרַייזְן פוּן דִירוֹת, אוּן מַיין מַאמֶע שְׁטוּפְּט מִיר שׁוֹין לַאנְג אַז אִיךְ זָאל וָואס שְׁנֶעלֶער קוֹיפְן אַ דִירָה, אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, וַוייל עֶס וֶוערְט יֶעדֶע וָואךְ טֵייעֶרֶער.

לְמַעֲשֶׂה אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן בִּכְלָל אַ דִירָה, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מַיין הִשְׁתַּדְּלוּת אִיז גֶעוֶוען תְּפִלָּה. פַאר אַ וָואךְ צוּרִיק הָאבְּן מִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעטְרָאפְן אַ דִירָה'לֶע וָואס שְׁטֵייט צוּם פַארְקוֹיפְן, עֶס קָאסְט אַזוֹי וִוי עֶס קָאסְט הַיינְט, אוּן אִיךְ קֶען עֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף אָפְּקוֹיפְן. אָבֶּער מַיין גֶעוִויסְן זָאגְט מִיר, אַז אִין דִי יֶעצְטִיגֶע

צֶעמִישְׁטֶע מַצָּב אִיז נִישְׁט קְלוּג צוּ קוֹיפְן אַ דירָה, מָשִׁיחַ קוּמְט דָאךְ שׁוֹין, אִיז דֶען פַּאסִיג יֶעצְט צוּ קוֹיפְן אַ דירה אִין גָלוּת? פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְן מִיר אַנְדֶערֶע אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט טְרֶעפְן אַזוֹי שְׁנֶעל אַזַא גֶעלֶעגְנְהֵייט אוּן אִיךְ קֶען אֶפְשָׁר חֲרָטָה הָאבְן.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק הֶערְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הַאלְט וֶועגְן דֶעם; אִיז עֶנְדֶערְשׁ כְּדַאי נָאךְ צוּ וַוארְטְן ווייל עֶס גֵייט דָאךְ שׁוֹין קוּמֶען אַ נַייעֶ וֶועלְט מִיט מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט מַשְׁקִיעַ זַיין אִין אַ דִירָה אִין חוּץ לָאָרֶץ, כָּל זְמַן עֶס אִיז נִישְׁט דְרִינְגֶענְד אוֹיף יֶעצְט?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ הֶערְן וָואס שְׁנֶעלֶער אַ תְּשׁוּבָה ווייל דֶער פַארְקוֹיפֶער וַוארְט אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַוֶועקְגֶעבְן פוּן אַייעֶר טֵייעֶרֶע צַייט צוּ הֶעלְפְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן יֶעדְן יָחִיד.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן ... תְּחִיֶ׳

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס טְרַאכְט אִיר, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען מֶער נִישְׁט דַארְפְן קַיין הוֹיז וואוּ צוּ וואוֹינֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען מֶער נִישְׁט לֶעבְן?!

דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק יב מֵהִלְכוֹת מְלָכִים, הֲלָכָה א-ב): "אַל יַעֲלֶה עַל הַלֵּב שֶׁבִּימוֹת הַמָּשִׁיחַ יִבָּטֵל דָּבָר מִמִּנְהָגוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹ יִהְיֶה שָׁם חִדּוּשׁ בְּמַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית, אֶלָּא עוֹלָם כְּמִנְהָגוֹ נוֹהֵג וְכוּ׳, אָמְרוּ חֲכָמִים אֵין בֵּין הָעוֹלָם הַזֶּה לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ אֶלָּא שִׁעְבּוּד מַלְכֻיּוֹת בִּלְבַד", וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט אַלֶעס וַוייטֶער זַיין אַזוֹי וִוי בִּיז אַהֶער, נָאר מֶען וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין אוּנְטֶער דִי גוֹיִם, מֶען וֶועט אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, מֶען וֶועט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שְׁטֶערוּנְג.

אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן ווילְן אִיר זָאלְט קוֹיפְן אַ הוֹיז - זָאלְט אִיר אַזוֹי טוּן, עֶס אַז נִישְׁט קַיין חִסָּרוֹן אִין אֱמוּנָה בְּבִיאַת מָשִׁיחַ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה

זָאגְן (מְגִילָּה כט.): "עֲתִידִין בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וּבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת שֶׁבְּבָבֶל שֶׁיִּקָּבְעוּ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן אַלֶע שׁוּלְן גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (קְדוּשַּׁת לֵוִי, סוֹף לִקּוּטִים חֲדָשִׁים): "עֲתִידִין בָּתֵּי יִשְׂרָאֵל שֶׁיֵּלְכוּ לָאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּזְמַן בִּיאַת מְשִׁיחֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן, וְהוּא קַל וָחֹמֶר מִבָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וְכוּ'", אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער וואוּ מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען עֶסְט דָארְט נָאר כָּשֵׁר אוּן מֶען פִירְט זִיךְ מִיט אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן דִי תּוֹרָה, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן אַלֶע קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, זַייט מַמְשִׁיךְ אַריין צוּ לֵייגְן אִין דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אֱמוּנָה; וָואס מֶען לֵייגְט אַריין אִין קִינְדֶער אִין דִי יוּגְנְט, דָאס בְּלַייבְּט זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶס וֶוערְט מִיר שׁוֹין גְרִינְגֶער צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז מֶען גֵייט שׁוֹין אִין קֶעמְפּ, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט דִי גַאנְצֶע יָאר, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי שִׁיעוּרִים דִי גַאנְצֶע יָאר, פוּן דִי אַלֶע חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ לֶערְן אִין דִי הֵיילִיגֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֵדֶר וואוּ מֶען לֶערְנְט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מֶען לֶערְנְט אַז וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן זָאל מֶען בֶּעטְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז דָא אֵיין זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן אַלֶע שִׁיעוּרִים, דִי זַאךְ פוּן הִיטְן דִי אוֹיגְן; אִיךְ מוּז זָאגְן אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן אִיז עֶס מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער צוּבִּיסְלֶעךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּגֶעוואוֹינֶען

דֶערְצוּ, אוּן יֶעצְט אִיז עֶס מִיר שׁוֹין נִישְׁט שְׁוֶוער.

דִי וָואךְ אוּן אוֹיךְ לֶעצְטֶע וָואךְ זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר מִיט אוּנְזֶער רֶבִּי.

אִיךְ הָאב שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶנְדִיגְט בְּרֵאשִׁית שְׁמוֹת וְכוּ' דִי חוּמָשׁ. אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא אוּן תִּיקוּנֵי זוֹהַר כִּמְעַט יֶעדְן טָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק וֶוען דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר בְּרִיוְן, דוּ שְׁרַייבְּסְט שֵׁיין אוּן קְלָאר, פוּל מִיט תּוֹכֶן.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הִיטְסְט דַיינֶע אוֹיגְן; אִין אָנְהֵייבּ אִיז דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער יֶעצְט אִיז דָאס שׁוֹין אַסַאךְ גְרִינְגֶער.

אַזוֹי גֵייט עֶס אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אִין אָנְהֵייבּ אִיז עֶס שְׁוֶוער, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אוּן אַז מֶען בְּרֶעכְט דָאס דוּרְךְ - שְׁפִּירְט מֶען אַלֶע טַעֲמִים פוּן גַן עֵדֶן.

אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן, מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדֻשַּׁת הַיְסוֹד - גֵייט אַלֶעס גְרִינְגֶער, דֶעמָאלְט שְׁפִּירְט מֶען אַ טַעַם אִין דַאוֶונֶען, אַ טַעַם אִין לֶערְנֶען, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְּרוֹיעֶן - וֶוערְט אַלֶעס פַארְלָאשְׁן.

דֶערִיבֶּער אִיז בַּיים רֶבִּי"ן גֶעוֶוען אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ קְדוּשַּׁת הַיְסוֹד, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן קְדוּשַּׁת הַיְסוֹד, וַוייל דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אַלֶעס, אַז דֶער יְסוֹד אִיז גוּט - אִיז אַלֶעס גוּט, אוּן אַז דֶער יְסוֹד אִיז שְׁוַואךְ, וָואס מֶען טוּט נָאר - פַאלְט אַרָאפּ.

יֶעצְט הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג אִין פְלַארִידֶע, אַ גְרוֹיסֶער

בִּנְיָן הָאט זִיךְ צַאמְגֶעלֵייגְט, הוּנְדֶערְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען בַּאגְרָאבְּן גֶעוָוארְן אִין אֵיין רֶגַע, דָארְט זֶענֶען אוֹיךְ דָא אִידְן, מֶען אַרְבֶּעט שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי מֶענְטְשְׁן, פוּן אַפָּאר לֶענְדֶער אִיז מֶען גֶעקוּמֶען רַאטֶעוֶוען.

אַלֶע וואוּנְדֶערְן זִיךְ, ווִי אַזוֹי קֶען פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ, אַ בִּנְיָן זָאל זִיךְ צַאמְלֵייגְן? יֶעצְט הֶערְט מֶען אִין דִי נֵייעֶס אַז אַז מֶען הָאט שׁוֹין פָּארְאוֹיס גֶעזָאגְט אַז דֶער יְסוֹד אִיז שְׁוַואךְ, עֶס אִיז דָא שְׁפַּאלְטֶענֶעס וְכוּ', זֶעט מֶען אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער יְסוֹד, אַז דֶער פוּנְדַאמֶענְט אִיז שְׁטַארְק - דֶעמָאלְט אִיז גוּט.

אַזוֹי אִיז בַּיים מֶענְטְשׁ; אוֹיבּ אִיז מֶען הֵיילִיג, מֶען הִיט דִי אוֹיגְן, מֶען הִיט דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ וָואס אִיז דֶער יְסוֹד פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווִי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען (הַקְדָּמַת תִּיקּוּנֵי זוֹהַר): "יְסוֹד סִיּוּמָא דְּגוּפָא, אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ", - דַאן קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ אַלֶעמֶען, בִּפְרַט צוּ דַיינֶע מְלַמְּדִים. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאכְן. חַבֵר זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

...

### קֶענֶען מַיינֶע פְרֵייעֶ עֶלְטֶערְן קוּמֶען וואוֹינֶען נֶעבְּן מִיר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר'ן עֶנְטְפֶער [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען לֵיידֶער נָאךְ פְרֵיי און הִיטְן נִישְׁט קַיין אִידִישְׁקֵייט, עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהָאלְפְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן נָאךְ עֶפֶּעס אִין דֶעם זֶעלְבְּן עִנְיָן. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעבֶּעטְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֶעבְּן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער צוּ קוּקְן אִין זֵייעֶר סְמַארְטְפָאוֹן, אָבֶער זֵיי גֶעבְּן נָאךְ ווַייטֶער. סְפֶּעצִיעֶל מַיין מַאמֶע וָואס זִי הַאלְט אַז עֶס אִיז

זַייעֶר ווִיכְטִיג פַּאר קִינְדֶער אוֹיפְצוּוָאקְסְן מִיט אַ קָאמְפְּיוּטֶער אוּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, וַוייל דָאס וֶועט זֵיי מַאכְן מֶער קְלוּג אוּן אָפְן צוּ דִי וֶועלְט; וָואס קֶען אִיךְ טוּן וֶועגְן דֶעם?

צְוֵוייטְנְס, אִיךְ ווִיל אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן קוּמֶען וואוֹינֶען נֶעבְּן מִיר, אַז אִיךְ זָאל זֵיי קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּן מְכַבֵּד זַיין, אִיךְ וֵוייס אָבֶער אַז אוֹיב קוּמֶען זֵיי דָא וואוֹינֶען וֶועל אִיךְ נִישְׁט קֶענֶען לָאזְן מַיינֶע קִינְדֶער גֵיין צוּ זַיין אַלֵיין, אָבֶער אִיךְ וֶועל אוֹיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַלְץ מִיטְגֵיין מִיט זֵיי. אִיךְ וֵוייס אַז אוֹיב אֵיינֶער זוּכְט דַוְקָא אִינְטֶערְנֶעט וֶועט עֶר עֶס קֶענֶען טְרֶעפְן, אָבֶער אוֹיב אִיז עֶס אַזוֹי גְרִינְג ווִי בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּב, וֶועט עֶס טְרֶעפְן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס זוּכְט עֶס נִישְׁט דַוְקָא, דֶערִיבֶּער פַּארְשְׁטֵיי אִיךְ אַז אוֹיב וֶועלְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן וואוֹינֶען נֶעבְן מִיר קֶען עֶס זַיין אַ סַכָּנָה פַּאר מַיינֶע קִינְדֶער. אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיב אִיךְ זָאל זֵיי פָּארְשְׁלָאגְן צוּ קוּמֶען וואוֹינֶען נֶעבְּן אוּנְז.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זָאלְט אַוַדַאי נֶעמֶען אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וואוֹינֶען בַּיי אַייךְ, עֶס וֶועט נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי חִינוּךְ פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער. אִיר זָאלְט וַוייטֶער גֶעבְן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אַן עֶרְלִיכֶע חִינוּךְ אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זֵיי פַארְשְׁטֵיין גֶעבְן אַז זֵיידִי אוּן בַּאבִּי זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט, זֵיי זֶענֶען אוּמְווִיסְנְד, מֶען הָאט אוֹיסְגֶעְרִיסְן פוּן זֵיי דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת.

רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער אִיבֶּער דָאס שֵׁיינְקֵייט אוּן גְרוֹיסְקֵייט פוּן הִיטְן דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת - וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אוּן אִיר וֶועט זֶען אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי וֶועלְן אָנְהֵייבְן צוּבִּיסְלִיךְ גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה.

דִי שֵׂכֶל אִיז עֶפֶּעס נִישְׁט פָּשׁוּט, דָאס אִיז אַ טִיפֶע קְלוּגֶע שֵׂכֶל וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען. ווִי אִיר וֵוייסְט דָאךְ, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אַלֶע יָארְן עוֹסֵק גֶעוֶוען אוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן דִי טִיפְסְטֶע

אָפְּגְרוּנְד און זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן און אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע שְׁטוּבֶּער. מוֹהֲרָא"ש הָאט אַלֶע יָארְן גֶעלֶערְנְט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וִוי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, מַמָּשׁ אַ חִידוּשׁ שֶׁבְּחִידוּשִׁים וָואס מֶען גֶעפִינְט נִישְׁט אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער; פוּן אֵיין זַייט הָאט מוֹהֲרָא"ש אוּנְז גֶענוּמֶען און אוּנְז גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, צוּ דְבֵיקוּת בְּשֵׁם, צוּ דַּרְגוֹת וָואס פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען נָאךְ יָארְן הָארֶעוַואנְיֶע, און אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז מוֹהֲרָא"ש גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק דָא אוֹיף דֶער עֶרְד, אַזוֹי פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי סַאךְ גֶערֶעדְט מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּטֵיילְן פוּן מִשְׁפָּחָה, מֶען זָאל בְּלַייבְּן מְקוּשָּׁר מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, מֶען זָאל וַוייטֶער גֵיין צוּ שִׂמְחוֹת און מֶען זָאל אַיינְלַיידֶענֶען דִי מִשְׁפָּחָה וֶוען מֶען מַאכְט אַ שִׂמְחָה.

אוֹיךְ הָאט מוֹהֲרָא"ש אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן גֵיין בַּאזוּכְן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אֲפִילוּ וֶוען דִי עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; פַארְקֶערְט וִוי מֶען לֶערְנְט אִין אַנְדֶערֶע מְקוֹמוֹת אַז מֶען זָאל זִיךְ אָפְּטֵיילְן און נִישְׁט הָאבְּן שַׁיְיכוּת, וָואס דִי וֶועג הָאט נִישְׁט קַיין קִיוּם; אָדֶער פַאלְט מֶען צוּרִיק רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אָדֶער מַאכְט דָאס אַ שְׁטַארְקֶע פַיינְטְשַׁאפְט פוּן דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף פְרוּמֶע אִידְן.

מוֹהֲרָא"שְׁ'ס וֶועג הָאט אוֹיפְגֶעוִויזְן אַז הוּנְדֶערְטֶער און טוֹיזְנְטֶער מִשְׁפָּחוֹת הָאבְּן זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי וֶועג פוּן שָׁלוֹם און שַׁלְוָה; וַוייל וֶוען מֶען זֶעט אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶלְטֶערְן זֶעעֶן וִוי זֵייעֶר קִינְד רֶעדְט שֵׁיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ זֵיי, אֲפִילוּ עֶר הָאט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג, עֶר גֵייט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, וֶוען זֵיי גֵייעֶן נָאכְנִישְׁט אִין דִי וֶועג, דָאךְ רֶעדְט עֶר שֵׁיין, עֶר קוּמְט בַּאזוּכְן און עֶר רֶעדְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; דָאס מַאכְט אַז זֵיי זָאלְן קוּקְן אוֹיף דִי תּוֹרָה און אוֹיפְ'ן בַּאשֶׁעפֶער גוּט, און זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ גֵיין אִין דִי וֶועג, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ" - וָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה און פִירְט זִיךְ

אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? ״אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה״, ווארויל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; ״אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה״, ווארויל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; ״אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה״, וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה; קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, וִויבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִּירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ. אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג): ״וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארוּמְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער; גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד, דְרֵיידְט אוֹיס דִי שְׁטוּב אַלֶעס אַרוּם זֵיי, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן אַרוּם זֵיי; דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי, דִי קִינְדֶער זָאלְן גֵיין שְׁפַּאצִירְן מִיט זֵיי, נֶעמְט זֵיי בַּיי דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת זֵיי זָאלְן מִיט עֶסְן, גֶעבְּט זֵיי צוּ פַארְזוּכְן פוּן דִי גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם פוּן אַ שַׁבָּת סְעוּדָה, זֵיי זָאלְן זֶען וִוי שֵׁיין אַייעֶר מִשְׁפָּחָה זִינְגְט זְמִירוֹת, עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג בִּיז זֵיי וֶועלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי וֶועלְן צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיר וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוּיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**מֶעג אִיךְ טְרָאגְן מַיינֶע קִינְדֶער צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הִיטְן נִישְׁט אִידִישְׁקֵייט?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר מַמָּשׁ חַיּוּת צוּם לֶעבְּן, עֶס מַאכְט מִיר פְרֵיילִיךְ דָאס לֶעבְּן.

אִיךְ הָאב צְווֵיי זַאכְן צוּ פְרֶעגְן, עֶרְשְׁטְנְס, אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אָבֶּער לֵיידֶער נָאךְ פְרֵיי, זֵיי הִיטְן נִישְׁט קַיין תּוֹרָה וּמִצְוֹת, זֵיי הָאבְן טֶעלֶעוִויזְיֶע אִינְדֶערְהֵיים, ווִי אוֹיךְ צְוֵויי קָאמְפְּיוּטֶערְס, צְוֵויי טֶעבְּלֶעטְס, צְוֵויי סְמַארְטְפָאוֹנְס אוּן אַלֶעס אִיז אָפְן גֶעהֶערִיג צוּ דִי אִינְטֶערְנֶעט, אוּן כָאטְשׁ וָואס אִיךְ בִּין זֵיי מְכַבֵּד, אִיךְ רֶעד צוּ זֵיי אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן יֶעדְן טָאג אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר אַרִיבֶּערְצוּגֵיין צוּ זֵיי פוּן צַייט צוּ צַייט, הָאב אִיךְ אָבֶּער מוֹרָא פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ וִויל נִישְׁט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְן צוּטְרִיט צוּ דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ טְרַאכְט אִיךְ וָואס וֶועט זַיין אִין אַפָּאר יָאר אַרוּם, אוֹיב אִיךְ וֶועל זֵיי קֶענֶען לַאדֶענֶען צוּ קוּמֶען ווֹאוֹינֶען נֶעבְן מִיר, אוֹיב זֵיי הָאבְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. ווִי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען בַּיי אַזַא זַאךְ?

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעוֶוענְלִיךְ פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג, וֶוען אִיךְ וַוארְט אָבֶּער אַ קִינְד, אוּן נָאכְ'ן הָאבְן אַ קִינְד, פַאל אִיךְ אַרַיין אִין אַ שְׁוֶוערֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע, אִיךְ וֶוער זֵייעֶר נֶערְוֶועז, אוּן אִיךְ בִּין פוּל מִיט נֶעגַאטִיוֶוע מַחְשָׁבוֹת. וָואס קֶען מֶען טוּן אִין אַזַא מַצָּב? זָאל אִיךְ נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר דֶעם?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר קֶענְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן ווִי גְרוֹיס אִיז דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): "שְׁלֹשָׁה שֻׁתָּפִין הֵן בָּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אָבִיו, וְאִמּוֹ, בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא - מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילּוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי", דְרֵיי שׁוּתְּפִים אִיז דָא אִינֶעם מֶענְטְשׁ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע אוּן מַאמֶע; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "אִיךְ קוּם ווֹאוֹינֶען צְווִישְׁן אַייךְ אוּן אִיךְ רֶעכְן דָאס אַזוֹי ווִי אִיר זֶענְט מִיר מְכַבֵּד".

זַייט וַוייטֶער מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אֲפִילּוּ זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף דִי אִידִישֶׁע וֶועג; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, סִימָן כו): "כָּל הָעוֹלָם

כּוּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאשַׁאפְן, אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק נָאר אֵיין זַאךְ, אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן; אִיר זָאלְט בֶּעטְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן שֵׁיינֶערְהֵייט אוֹיבּ עֶס אִיז זֵיי נִישְׁט שְׁוֶוער אַוֶועקְצוּלֵייגְן דִי זַאכְן וֶוען אִיר קוּמְט מִיט דִי קִינְדֶער. נִישְׁט אִיר זָאלְט זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין; אִיר טָארְט נִישְׁט מְחַנֵּךְ זַיין אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, נָאר זַייט זֵיי מַסְבִּיר אַז אִיר פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּצִיעֶן דִי קִינְדֶער וַוייט פוּן דִי זַאכְן, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן קַיין טֶעלֶעוִויזְיֶע אוּן קָאמְפְּיוּטֶער וְכַדוֹמֶה, אוֹיבּ אִיז מֶעגְלִיךְ וֶוען אִיר קוּמְט זָאל מֶען דָאס נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען.

אַז אִיר וֶועט מְכַבֵּד זַיין אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶועט עֶס גָארְנִישְׁט שָׁאטְן פַּאר דִי קִינְדֶער, אַדְרַבָּה אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְווֹת.

אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אַייעֶרֶע קִינְדֶער פוּן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן מִיט כָּבוֹד אוּן עֶהְרֶע. וֶוען דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן אַייךְ כָּל מִינֵי פְרַאגֶעס: "פַארְוָואס טוּט זֵיידֶע דָאס?" "פַארְוָואס טוּט בַּאבִּי דָאס?" זָאלְט אִיר זֵיי שֵׁיין גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין: "זֵיידִי אוּן בַּאבִּי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דִי תּוֹרָה, זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּתְ'עֶר, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְאֵיינֶעם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף זֵיידִי אוּן בַּאבִּי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי זָאלְן הִיטְן דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת", אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אוֹיף אַייעֶר צְווֵייטֶע פְרַאגֶע; אִיר קֶענְט נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר דֶעם, וֶועט אִיר זַיין מֶער פְרֵיילִיךְ, עֶס וֶועט אַייךְ זַיין גְרִינְגֶער צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם זָאלְט אִיר זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן הָאבְּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר].

...]

## ווי אַזוֹי שְׁפִּירְט מֶען דֶעם גֶעשְׁמַאק פון זַיין אַ אִיד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דִי שִׁיעוּרִים מַאכְן מִיר לִיכְטִיג מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַמְשִׁיךְ זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. עֶס קוּמְט מִיר צוּמָאל אַרַיין אַ קִנְאָה צוּ דִי פְרֵייעֶ וָואס זֶענֶען וַוייט פוּן אִידִישְׁקֵייט, אַזוֹי ווִי זֵיי זֶענֶען גָארְנִישְׁט מְחוּיָב צוּ טוּן, און אַלֶעס אִיז גוּט; און אִיךְ, נָאר וַוייל אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן אִין אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב, מוּז אִיךְ הַאלְטְן אַלֶע מִצְוֹת פוּן תּוֹרָה, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט אַזוֹי דֶעם "אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ". וָואס טוּט מֶען מִיט דִי סָארְט גֶעפִילְן?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן מַיין מְלוּמְדוֹת, פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] ווִי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אִין קְלַאס, און אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן פְּרוּבִּירְן עֶס מְקַיֵים צוּ זַיין אִיז דֶער מַצָב גֶעוָוארְן פִיל בֶּעסֶער, פוּן דֶעסְט וֶועגְן דַארְף אִיךְ אָבֶער נָאךְ אַסַאךְ חִיזוּק לִיבּ צוּ הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים, הָאבְּן סַבְלָנוּת און גֶעדוּלְד צוּ זַיין, סְפֶּעצִיעֶל אַז בַּאלְד הוֹיבְּט מֶען שׁוֹין דֶעם נֵייעֶם זְמַן, און אִיךְ ווִיל אָנְהוֹיבְּן מִיטְ'ן רֶעכְטְן פוּס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דָא גֵייט פָאר; ווִי קֶענְסְטוּ זַיין אַ מְלַמֵד פַאר קִינְדֶער וֶוען דוּ אַלֵיינְס דַארְפְסְט צוּרִיקְגֵיין אִין חֶדֶר לֶערְנֶען וָואס אִיז אַ אִיד, וָואס אִיז תּוֹרָה, וָואס אִיז מִצְוֹת; ווִי קֶען מֶען זַיין אַ מְלַמֵד וֶוען מֶען ווֵייסְט נִישְׁט דָאס זִיסְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד, דָאס זִיסְקֵייט פוּן טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!**

װען מֶען זֶעט אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען נֶעבֶּעךְ וַוייט פוּן אִידִישְׁקֵייט, וָואס אִיז שַׁיָּיךְ מְקַנֵא צוּ זַיין? אַז זֵייעֶרֶע רַמַ"ח אֵבָרִים אוּן שְׁסָ"ה גִּידִים זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן? וָואס אִיז דָא קִנְאָה אַז זֵיי זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? זֵיי טוּעֶן וָואס זֵיי ווילְן?!

אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵד, דוּ בִּיסְט צוּגֶעוואוֹינְט זִיךְ אָרָאפְּצוּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי גוּט פַארְשְׁטֵיין גֶעבְן, וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן דִי פְּרַאגֶע אַזוֹי ווִי מֶען עֶנְטְפֶערְט פַאר קִינְדֶער, אַ גוּטֶער מְלַמֵד לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי קִינְדֶער, עֶר עֶנְטְפֶערְט זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת שַׁיין, קְלָאר אוּן גֶעלַאסְן.

וַיְהִי הַיוֹם, דֶער מְלַמֵד קוּמְט אַריין אִין כִּתָּה אוּן זָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אִיךְ צֵייל בִּיז דְרֵיי, אִיךְ ווִיל זֶען ווִי אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען דָא אַהֶער, אֵיינְס, צְוֵויי, דְרֵיי!" אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען צוּ לוֹיפְן, אַלֶע ווִילְן אַרַיינְגֵיין אִין דִי גוֹרָל, אַלֶע ווִילְן בַּאקוּמֶען דִי פְּרָסִים, בַּיי דְרֵיי שְׁטֵייעֶן זֵיי שׁוֹין גְרֵייט, אָבֶּער אֵיין קִינְד קוּמְט נִישְׁט, נֶעבֶּעךְ, עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פִּיס, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע מַחֲלָה, מֶען הָאט אִים לֹא עָלֵינוּ אַרָאפְּגֶענוּמֶען דִי פִּיס; עֶר זִיצְט אִין דִי זַייט אִין אַ וֶועגֶעלֶע, עֶר אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע קִינְדֶער. מִיט אִים פִירְט זִיךְ דֶער מְלַמֵד גָאר אַנְדֶערְשׁ, עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי גוֹרָל אֲפִילוּ עֶר קוּמְט נִישְׁט, וֶוען אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן רוּמֶען דִי כִּתָּה בְּלַייבְּט עֶר אוֹיף זַיין פְּלַאץ, עֶר דַארְף נִישְׁט רוּמֶען, עֶר וֶוערְט בַּאלוֹינְט אֲפִילוּ עֶר הֶעלְפְט נִישְׁט רֵיינִיגְן; עֶר קֶען נֶעבֶּעךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶר אִיז אַ קַאלִיקֶער לֹא עָלֵינוּ.

דֶער מְלַמֵד פְרֶעגְט: "קִינְדֶער, אִיר זֶענְט מְקַנֵא דֶעם קִינְד?" אַלֶע קִינְדֶער זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְקַנֵא דֶעם קִינְד. דֶער מְלַמֵד פְרֶעגְט וַוייטֶער: "אִיךְ ווִיל אַייךְ פְרֶעגְן, פַארְוָואס זֶענְט אִיר נִישְׁט מְקַנֵא דֶעם קִינְד?! עֶר דַארְף נִישְׁט פָאלְגְן אוּן עֶר גֵייט אַלְץ אַרַיין אִינֶעם גוֹרָל אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט אִין צַייט, אֲפִילוּ עֶר הֶעלְפְט נִישְׁט רוּמֶען, פַארְוָואס זֶענְט אִיר אִים נִישְׁט מְקַנֵא?! קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט אַז דִי שְׁטָאט צָאלְט גֶעלְט פַאר דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי דַארְפְן נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, זֵיי בַּאקוּמֶען אַלֶעס אוּמְזִיסְט, אִיר זֶענְט זֵיי נָאכְאַלְץ נִישְׁט מְקַנֵא? דִי מֶענְטְשְׁן קֶענֶען שְׁטֶעלְן זֵייעֶר קַאר אִין

פְּלֶעצֶער וואו אַנְדֶערֶע קֶענֶען נִישְׁט, זֵיי הָאבְּן אַסאך בֶּעגֶעפִיטְן, אִיר זֶענְט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מְקַנֵּא?!"

דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי קַשְׁיָא, וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ מְקַנֵּא זַיין אַ מֶענְטְשׁ אָן פִּיס? וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ מְקַנֵּא זַיין אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט? וֶוער אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט אִין גֶעלְט אָדֶער אִין קֶענֶען שְׁטֶעלְן אַ קַאר דָא אוּן דָארְט, וֶוער דַארְף דָאס?! דִי קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן אוֹיס: "יְיַשֶּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זֶענֶען גֶעזוּנְט!" זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיס אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אַלֶע קְרַאנְקֶע! אַלֶע זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט בְּרַמַ"חַ אֵבָרִים וְשְׁסָ"ה גִּידִים!**" דִי קִינְדֶער קוּקְן אוֹיפְ'ן קִינְד מִיט רַחְמָנוּת, זֵיי הַאלְטְן זִיךְ אֵיין פוּן וֵוויינֶען פַאר זֵיי, אֵיין קִינְד קֶען נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן זַיינֶע טְרֶערְן, עֶר גֵייט אִין דִי זַייט אוּן פְּלַאצְט אוֹיס אִין אַ גֶעוֵויין פַאר זַיין חַבֵר וָואס הָאט נִישְׁט קַיין פִּיס; אַ צְוֵוייטֶער קִינְד שְׁטִיקְט זִיךְ מִיט טְרֶערְן.

וֶוען מֶען זֶעט אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען וַוייט פוּן דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע רַחְמָנוּת אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ז): "כִּי עִקַּר הָרַחֲמָנוּת הוּא כְּשֶׁיִּשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ נוֹפְלִין, חַס וְשָׁלוֹם, בַּעֲווֹנוֹת, רַחֲמָנָא לִצְלָן", דֶער עִיקַר רַחְמָנוּת אִיז וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, "כִּי זֶהוּ הָרַחֲמָנוּת הַגָּדוֹל מִכָּל מִינֵי רַחֲמָנוּת", דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער רַחְמָנוּת אוֹיף דִי וֶועלְט; דִי אַלֶע אִידְן וָואס מֶען הָאט פוּן זֵיי אוֹיסְגֶערִיסְן דִי אֱמוּנָה, שׁוֹין אַפָּאר דוֹרוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען וַוייט פוּן דִי תּוֹרָה - דָאס אִיז נִישְׁט אַ גוּטֶע זַאךְ, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע רַחְמָנוּת.

מְלַמְדִים דַארְפְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַז תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ; וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוער עֶס גֵייט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה - דֶער הָאט אַ לֶעבְּן, נָאר דָאס אִיז לֶעבְּן; טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט קַיין קְנַס, טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט אָן אָפְּקוּמֶענִישׁ; דָאס אִיז גוּט, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן מִצְוֹת; מִיר קֶענֶען נִישְׁט עֶסְן אַלֶעס, מִיר קֶענֶען

נִישְׁט טוּן אַלֶעס, וַוייל מִיר זֶענֶען אַזוֹי וִוי דֶער קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ וָואס דֶער דָאקְטֶער זֶעט נָאךְ אִין אִים אַ הָאפֶענוּנְג. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנְחוּמָא שְׁמִינִי, ו) אַ דָאקְטֶער אִיז גֶעקוּמֶען הֵיילְן צְוֵויי קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן, דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן חוֹלֶה אַז עֶר אִיז אִין אַ סַכָּנָה, הָאט דֶער דָאקְטֶער גֶעזָאגְט: "תְּנוּ לוֹ כָּל מַאֲכָל שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ", גֶעבְּט אִים צוּ עֶסְן אַלֶעס וָואס עֶר בֶּעט, "רָאָה הָאֶחָד שֶׁעָתִיד לִחְיוֹת", דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזֶען דֶער צְוֵוייטֶער קְרַאנְקֶער אַז עֶר קֶען נָאךְ לֶעבְּן, הָאט דֶער דָאקְטֶער גֶעזָאגְט: "כָּךְ וְכָךְ מַאֲכָל יֹאכַל וְכָךְ וְכָךְ לֹא יֹאכַל", גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אִים, גֶעבְּט אִים נִישְׁט דִי אוּן דִי עֶסְן, נָאר פוּן דִי עֶסְן מֶעג עֶר הָאבְּן, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט דֶעם דָאקְטֶער: "מַה זֶּה, לָזֶה אַתָּה אוֹמֵר יֹאכַל כָּל מַאֲכָל שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ, וְלָאַחֵר אָמַרְתָּ לֹא יֹאכַל כָּךְ וְכָךְ", וָואס אִיז דָאס? אֵיינֶעם זָאגְסְטוּ עֶר קֶען עֶסְן אַלֶע עֶסְן אוּן דֶער צְוֵוייטֶער מֶעג נָאר עֶסְן דָאס אוּן דָאס?! הָאט דֶער דָאקְטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט, דֶער וֶועט בְּלַייבְּן לֶעבְּן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים, ווִידֶער דֶער עֶרְשְׁטֶער גֵייט סַיי וִוי שְׁטַארְבְּן, זָאל עֶר עֶסְן וָואס עֶר ווִיל, עֶר קֶען דָאךְ סַיי וִוי נִישְׁט לֶעבְּן, "כָּךְ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הִתִּיר לַגּוֹיִם הַשְּׁקָצִים וְהָרְמָשִׂים", אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, פַאר דִי אוּמּוֹת הָעוֹלָם הָאבּ אִיךְ מַתִּיר גֶעוֶוען זֵיי זָאלְן עֶסְן דִי אַלֶע וֶוערִים אוּן קְרִיכֶעדִיגֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן, "אֲבָל יִשְׂרָאֵל שֶׁהֵם לְחַיִּים", אָבֶּער דִי אִידְן וָואס זֵיי בְּלַייבְּן לֶעבְּן, זֵיי זָאג אִיךְ: "וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים כִּי קָדוֹשׁ אָנִי, אַל תְּשַׁקְּצוּ אֶת נַפְשׁוֹתֵיכֶם, אֶת זֶה תֹּאכְלוּ, וְאֶת זֶה לֹא תֹּאכֵלוּ, לֹא תִּטַּמְּאוּ בָּהֶם וְנִטְמֵתֶם בָּם", זֵיי זָאלְן נִישְׁט עֶסְן דִי אַלֶע נִישְׁט כָּשֶׁר'עֶ זַאכְן, "לָמָּה", פַארְוָואס? "שֶׁהֵם לְחַיִּים, שֶׁנֶּאֱמַר: וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם".

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה; לֶערְן זֵיי אוֹיס זֵיי זָאלְן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וִוי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער הֵייבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד. לֶערְן זֵיי אוֹיס זֵיי זָאלְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט זֵייעֶר גוּט אוּן זִיס, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ טַעַם פוּן גַן עֵדֶן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "כִּי זֶה עִקַּר שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא, לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לִשְׁמוֹ הַגָּדוֹל יִתְבָּרַךְ וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ", דָאס אִיז דֶער תַּעֲנוּג פוּן עוֹלָם הַבָּא - צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים צוּ לוֹיבְּן, וְויסְן אַז אַלֶעס אִיז עֶר אוּן עֶר אִיז אַלֶעס, "שֶׁעַל יְדֵי זֶה סְמוּכִים וּקְרוֹבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", אַזוֹי אִיז מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי כָּל מַה שֶּׁיּוֹדְעִין וּמַכִּירִין אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר", וַוייל וִוי מֶער מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, "סְמוּכִים אֵלָיו בְּיוֹתֵר", אִיז מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ אִין דַיין וֶועג, עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גָאר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין אִים, דוּ זָאלְסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ צוּקוּמֶען אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן קַיין שָׂכָר, דוּ וֶועסְט וֶועלְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ד, ב): "שְׂכַר מִצְוָה, מִצְוָה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ה) וֶוען מֶען טוּט מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה אַלֵיינְס: "עַד שֶׁאֵין רוֹצֶה בְּשׁוּם שְׂכַר עוֹלָם הַבָּא", בִּיז מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׂכַר, "אֶלָּא הוּא רוֹצֶה שֶׁיַּזְמִין לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִצְוָה אַחֶרֶת בִּשְׂכַר מִצְוָה זֹאת", נָאר דִי גְרֶעסְטֶע שְׂכַר אִיז אַז עֶר זָאל קֶענֶען טוּן נָאךְ מִצְוֹת, עֶר וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים גֶעבְּן נָאךְ מִצְוֹת, "כִּי הוּא נֶהֱנֶה מֵהַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ", עֶר הָאט הַנָּאָה פוּן דִי מִצְוָה אַלֵיינְס; דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶעם, מֶען זָאל הַנָּאָה הָאבְּן פוּן זַיין אַ אִיד, מֶען זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ מִיט תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת; עֶס זָאל אָנְגֵיין פַארְוָואס אַנְדֶערֶע הָאבְּן דָאס נִישְׁט, בִּיז מֶען וֶועט גֵיין הֲפָצָה, זֵיי אוֹיךְ גֶעבְּן צוּ שְׁפִּירְן פוּן דֶעם טַעַם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים.

...

[דִי בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

וִוי אַזוֹי הַאלְט מֶען אָן דָאס בְּרֶען וָואס מֶען הָאט אַמָאל גֶעהַאט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל מוּז אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים אוּן עֵצוֹת אִין לֶעבְּן, וָואס הֶעלְפְט מִיר אַזוֹיפִיל, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט מִיר אַרַיין אַ הָאפֶענוּנְג אוּן סִיפּוּק אִין לֶעבְּן.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע זַאכְן. וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים הָאט עֶס מִיר גָאר שְׁטַארְק אָנְגֶעצִינְדְן אַ גְרוֹיסֶע הִתְלַהֲבוּת אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ הָאבּ עֶנְדְלִיךְ גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם וָואס פַארְשְׁטֵייט מִיר אוּן רֶעדְט צוּ מַיין הַארְץ, אוּן עֶס הָאט מִיר שְׁטַארְק גֶעטוֹישְׁט דָאס לֶעבְּן צוּם גוּטְן; אָבֶּער וִוי לֶענְגֶער עֶס גֵייט דוּרְךְ מֶער צַייט, וֶוערְט בַּיי מִיר אָפְּגֶעקִילְט דָאס בְּרֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אָנְפַאנְג, אוּן מִיט דֶעם וֶוערְט אוֹיךְ וֵוייניגֶער דָאס מְקַיֵּים זַיין וָואס אִיךְ הֶער; וִויל אִיךְ הָאבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן אִיבֶּער דֶעם.

צְוֵוייטְנְס, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף לֶעבְּן אִינְדֶערְהֵיים, אוּן דָאס הָאט מִיר גָאר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעוַואקְסְן מִיט אַנְדֶערֶע סָארְט הַדְרָכוֹת, בַּיי אוּנְז הָאט מֶען אַסַאךְ גֶערֶעדְט קֶעגְן תַּאֲווֹת וְכוּ'. דַארְף אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין בִּיז יֶעצְטִיגֶע וֶועג, אָדֶער אִיז דָא אַ מִיטְלְוֶועג אִין דֶעם?

דְרִיטְנְס, אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, אִיךְ לֶערְן מִיט קִינְדֶער, אוּן לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט הַאלְטְן דִי קִינְדֶער אִין דִי רַאמֶען נָאר מִיט שְׁרֵייעֶן אוּן אָנְשְׁרֶעקְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע וֶועג זֵיי צוּ הַאלְטְן אוֹיפ'ן פְּלַאץ; דַארְף אִיךְ אָפְּלָאזְן דָאס מְלַמְּדוּת, אָדֶער אִיז דָא אַ וֶועג זִיךְ צוּ טוּישְׁן?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק אוֹיף דִי זַאכְן, אוּן אִיךְ הָאף צוּ זֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּקָרוֹב דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט"ו אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ עֶנְטְפֶערְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע פְרַאגֶע, אִין אָנְהֵייבּ הָאסְטוּ גֶעשְׁפִּירְט מֶער חֵשֶׁק אוּן הִתְלַהֲבוּת, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר אַז דוּ פַארְלִירְסְט דִי בְּרֶען אוּן חֵשֶׁק.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי ווִי זֵיי פַאלְן אַרָאפּ פוּן זֵייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל", אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין נְפִילָה, "רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ לַחֲזֹר וּלְהַכְנִיעַ וּלְשַׁבֵּר הַקְּלִיפּוֹת וְהַמְּנִיעוֹת וְכוּ' שֶׁבְּכָל מַדְרֵגָה וּמַדְרֵגָה מֵחָדָשׁ, אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל כַּנַּ"ל", דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען דַארְף גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן כְּדֵי צוּ קֶענֶען גֵיין הֶעכֶער דַארְף מֶען אַרָאפְּגֵיין, מֶען דַארְף זִיךְ נָאכְאַמָאל שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס דָאס זֶענֶען דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, דֶערִיבֶּער זֶעט דָאס אוֹיס ווִי מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין נְפִילָה, דָאס אִיז נָאר צוּ קֶענֶען גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

דִי צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע, עֶס זֶעט דִיר אוֹיס אַ סְתִירָה דִי וֶוערְטֶער וָואס דוּ הֶערְסְט דָא בַּיים רֶבִּי'ן מִיט דִי וֶועג ווִי אַזוֹי דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן, דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אַז אַלֶעס אִיז תַּאֲווֹת, אַלֶעס אִיז גַשְׁמִיּוּת, מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּרַייסְן וְכוּ' וְכוּ'; וָואס אִיךְ שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן תַּאֲווֹת? דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן תַּאֲווֹת? עֶסְן דַארְף מֶען - מֶען זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁלָאפְן דַארְף מֶען - מֶען זָאל

קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן דַארְף מֶען - צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן תַּאֲווֹת".

בְּלַייבּ בַּיי דַיין פְּלַאץ, מַאךְ נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת; נֶעם דֶעם רֶבִּי'ן פַאר חִיזוּק, לֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען דַיין מֹחַ, דוּ וֶועסְט קוּקְן אַנְדֶערְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט.

וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מֶען הֶערְט דֶעם רֶבִּינְ'ס קוֹל - הֵייבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן וִוי מֶען אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְן, מֶען שְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְן מִיר; וָואס מֶען דַארְף - בֶּעט מֶען אִים, וָואס מֶען וִויל - רֶעדְט מֶען צוּ אִים; מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט אִים, דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶוערְן אַ חֵלֶק אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

גְלֵייבּ מִיר, עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אִין דֶעם עִנְיָן; אַ שָׁאד מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן דֶעם צוּ בְּנֵי הַנְּעוּרִים, וָואלְטְן אַלֶע זִיךְ גֶעצוֹיגְן צוּם אֱמֶת. רוֹב פַאלְן אַוֶועק וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ זִיךְ צוּ רַייסְן מִיט דִי לֶעבְּן, מֶען רֶעדְט נָאר פוּן זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן, פוּן זִיךְ אָפְּטֵיילְן; דֶער רֶבִּי רֶעדְט אַנְדֶערֶע וֶוערְטֶער, דֶער רֶבִּי רֶעדְט אַזוֹי שְׁטַארְק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַז עֶס וֶוערְט אַזוֹי לִיכְטִיג, עֶס וֶוערְט אַזוֹי זִיס; גַשְׁמִיוּת וֶוערְט רוּחָנִיוּת, אַלֶעס וֶוערְט אֱלֹקוּת.

דִי דְרִיטֶע פְּרַאגֶע, אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דִי מְלַמְּדוּת, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי אָן שְׁרֵייעֶן גֵייט עֶס נִישְׁט; אִיךְ מֵיין דוּ זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ אָפְּלָאזְן דִי שְׁרֵייעֶן, שְׁרֵייעֶן אִיז אַ זַאךְ וָואס הֶעלְפְט נִישְׁט, שְׁרֵייעֶן קוּמְט פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט, פוּן נִישְׁט גֶעהֶערִיג שְׁלָאפְן, פוּן נִישְׁט גֶעהֶערִיג עֶסְן, אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַארְלוֹירְן, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט קִינְדֶער וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דִי וֶועג זִיךְ צוּ מְחַבֵּר זַיין מִיט זֵיי; זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט פָּאלְגְן אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט אַ וֶועג מִיט זֵיי וִוי צוּ קֶענֶען זַיין אַ גוּטֶער מְלַמֵּד זֵיי זָאלְן פָּאלְגְן, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן?

אִיךְ פְּלֶעג גֵיין אִינְדֶערפְרִי פַארְטָאגְס הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט זֵיי; אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן קִינְד וִוי אַזוֹי עֶר אִיז אִין כִּתָּה, אַלֶעס אַלֶעס דֶערְצֵיילְט, אוּן בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט זֶענֶען דִי קִינְדֶער גֶעוָוארְן דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶע קִינְדֶער; טוּ דָאס וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה.

[...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## מַעֲשִׂיּוֹת פַאר קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דוּ בִּיסְט מְסַדֵּר אַזוֹי שֵׁיין דִי בְּרִיוו פוּן סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת, דוּ בִּיסְט דָאס מַגִּיהַ זֵייעֶר גוּט, מֶען טְרֶעפְט נִישְׁט קַיין טָעוּתִים.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער':

קִינְדֶער, װֶער װַייסְט ווִי אַזוֹי מֶען װֶוערְט אַ צַדִיק?

דִי קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן אַלֶע: "אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!"

זֵייעֶר גוּט, אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן װֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ װֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק װַייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פוּן װֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, װֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זִיךְ טוֹבֵל'ען אִין מִקְוֶה לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט עֶפֶּעס טוּן כְּדֵי זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין שַׁבָּת. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזֶען אַ אִיד זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים בַּיי זַיין שְׁטֶענְדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ ווִיל אוֹיךְ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אַזוֹי

ווִי דֶער אִיד וָואס זָאגְט שִׁיר הַשִּׁירִים אַזוֹי בַּא׳טַעמְ׳ט׳, הָאט עֶר זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִינֶעם שְׁטֶענְדֶער, דֶער אִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז מָאדְנֶע, וָואס זִיצְט אַ קִינְד אִינֶעם שְׁטֶענְדֶער? עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ, זֵיי טוּעֶן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן.

אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט דָאס נִישְׁט גֶעטוּן אַלְץ נַארִישֶׁע קִינְדְרִישֶׁע זַאכְן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזִיצְן אִינֶעם שְׁטֶענְדֶער אוּן גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם שַׁבָּת, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִיק", דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט גֶעזִיצְן אַ לַאנְגֶע צַייט.

דֶער אִיד הָאט פַארְגֶעסְן אַז דֶער רֶבִּי זִיצְט דָארְט, בִּיז וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, דֶעמָאלְט אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶר זֶעט אַ גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּן זִיצְן אַזוֹי לַאנְג אִין דִי טוּנְקְל (פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן נג).

אַלֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן, אִיר וֶועט גֵיין אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועלְן אַלֶע וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין אַרְבֶּעט, זַיי נִישְׁט קַיין מִסְתַּפֵּק בְּמִעוּט, וֶוער נִישְׁט זַאט; טְרַאכְט אַלְץ 'וָואס נָאךְ קֶען מֶען טוּן מִיט דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִי וֶועלְט?' נֶעם צוּזַאמֶען אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת פַאר קִינְדֶער אוּן גֶעבּ אַרוֹיס אַ בַּאזוּנְדֶערֶע סֵפֶר מַעֲשִׂיוֹת פַאר קִינְדֶער, דָאס וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ; דִי מֵפִיצִים וֶועלְן דָאס טֵיילְן בַּיי דִי הַייזֶער, מֶענְטְשְׁן וֶועלְן דָאס כַאפְּן.

...

## זָאלְסְט זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט פַאר דַיין גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאלְסְט זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת פַאר דַיין גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט וָואס דוּ טוּסְט מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, דוּ מַאכְסְט אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם.

אִיךְ הֶער שׁוֹין צוּרִיק גְרוּסְן פוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס גֶעפוּנֶען זִיךְ דָארְט וואוּ אִיר זֶענְט דֶעם זוּמֶער. זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֵדֶר קוּמְט אַהִין אוֹיפְ'ן זוּמֶער, פוּן דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע'ס וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף אוּנְז; יֶעצְט שְׁטֵייעֶן זֵיי אוּן שְׁטוֹינֶען פוּן דִי אֵיידְלְקֵייט אוּן עֶרְלִיכְקֵייט פוּן דִי קִינְדֶער, בְּעִיקָר וִוי דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ דֶערְוַואקְסְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ.

זַיי מִיר מוֹדִיעַ וֶוען אִיךְ זָאל קוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער, אִיךְ וִויל קוּמֶען אֵיינְמָאל אַ וָואךְ צוּ זֵיי.

...

## זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דִי שִׂמְחָה זָאל אִיבֶּערְרִינֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, דָאס וֶועט דִיר עֶפֶענֶען אַלֶע טוֹיעֶרְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט שְׁפִּירְן וִוי דוּ שְׁטֵייסְט פוּן אִינְדְרוֹיסְן, עֶס וֶועט דִיר גְרִינְגֶער וֶוערְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ', וְהִנֵּה

הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה", יֶעדֶער וויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד און טוּן דִי ווילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וַוייל עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", און אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וַוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", און אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און עֶר וַוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן און נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ', דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה און עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין הִתְעוֹרְרוּת, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", קֶען עֶר דוּרְכְדֶעם אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ' בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

עֶס אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; עֶס אִיז אַזוֹי גְרִינְג צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען דַארְף נָאר אַבִּיסְל וֶועלְן, מֶען דַארְף נָאר אַבִּיסְל טוּן. עֶס אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ זָאגְן תְּהִלִּים, עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ זָאגְן תְּהִלִּים ווִי דַארְפְן פַאסְטְן און טוּן סִיגוּפִים צוּ פַארֶעכְטְן וָואס מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט, מֶען דַארְף נָאר וֶועלְן.

מִיר גֶעפוּנֶען זִיךְ דֶעם זוּמֶער אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי; עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק דָא, מֶען אִיז אַוֶועק פוּן דִי גַאנְצֶע טוּמְל פוּן שְׁטָאט. דָא זֶעט מֶען גָארְנִישְׁט, מֶען הֶערְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, מֶען וַוייסְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט - מֶען הֶערְט נָאר דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה.

הַיינְט אִיז גֶעוֶוען אַ חוּמָשׁ סְעוּדָה אִין חֵדֶר אִין שְׁטֶעטְל, דִי קִינְדֶער לֶעבְּן מִיט אַזַא תְּמִימוּת, מִיט אַזַא רֵיינְקֵייט; עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ זֶען ווִי אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַזַא רֵיינְקֵייט.

הַיינְט אִיז בַּיי מִיר אַ יוֹם טוֹב, מַיין זוּן הַבָּחוּר הָרַב שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר מַאכְט אַ סִיוּם הַשַּׁ"ס; מָה אָשִׁיב לַה׳, כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי - אַז מַיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אִין דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי פְרֵיילִיךְ. זֶע אַז דִי שִׂמְחָה זָאל אִיבֶּערְרִינֶען; וֶוען מֶען זֶעט דִיר - זָאל מֶען זֶען ווִי דוּ בִּיסְט פְרֵיילִיךְ, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט, פַּאר זִיךְ אִין הַארְץ, עֶס דַארְף אִיבֶּערְרִינֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַז מֶען הִיט דִי הֲלָכוֹת הָאט מֶען גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִין דִי טֶעג וְכוּ׳ דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הִיטְן דִי הַרְחָקוֹת; אַז מֶען הִיט דִי הַרְחָקוֹת הָאט מֶען גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען הִיט נִישְׁט דִי הַרְחָקוֹת הָאט מֶען שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרוֹת, נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

בְּנוֹגֵעַ זִינְגֶען אִין דִי טֶעג; אִין דִי טֶעג דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זִינְגֶען וֶוען דֶער מַאן הֶערְט. אוֹיבּ אִיז עֶס אַן עֵת הַצּוֹרֶךְ, מֶען דַארְף אַיינְשְׁלֶעפְן דָאס קִינְד אוּן דֶער מַאן הָאט נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין - דֶעמָאלְט קֶען מֶען מֵקִיל זַיין, אָבֶּער סְתַּם אַזוֹי - טָאר מֶען נִישְׁט זִינְגֶען אִין זַיין גֶעגְנְוַוארְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טֶעקְסְט אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, אָבֶער נָאר מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, י"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ קֶענֶען טֶעקְסְטְן, אוּן אָן יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז סַיי וַוי בִּיטֶער.

עֶר קֶען הָאבְּן טֶעקְסְט אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן; לֶערְן אִים אוֹיס עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין גְרוּפְּס, יֶעדֶע גְרוּפּ וָואס מֶען הָאט אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן נֶעמְט אַוֶועק דִי צַייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס נֶעמְט אִים אַוֶועק דִי מְנוּחָה, אָבֶער צוּ קֶענֶען שְׁרַייבְּן פַאר טַאטֶע מַאמֶע אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מִיר לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", אִיז מוֹהֲרַנְ"ת צְווִישְׁן אוּנְז

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, י"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וואוּ הַאלְט דִי מַפְתְּחוֹת אוֹיף סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק ג'? אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג דָאס צוּ עֶנְדִיגְן אוּן דְרוּקְן.

אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרַנְ"ת אַז אִיךְ וֶועל דָאס דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן, אִיךְ ווִיל מְקַיֵּים זַיין מַיין צוּזָאג; בֶּעט אִיךְ דִיר הֶעלְף מִיר, וֶועט דָאס זַיין פַאר דִיר אַן אֵייבִּיגֶע זְכוּת.

מוֹהֲרַנְ"ת הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת; אִיךְ אַלֵיין הָאבּ צוּ דֶערְצֵיילְן גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מִיר נָאכְן דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ צַאמְנֶעמֶען אַלֶע מַפְתְּחוֹת אוּן מַאכְן פוּן דֶעם אַ בַּאזוּנְדֶערֶע בַּאנְד. אוֹיסֶער דִי זִיבְּן חֲלָקִים ווִיל אִיךְ דְרוּקְן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע

בַּאנְד 'סֵפֶר הַמַּפְתְּחוֹת' אוּן 'תּוֹכֶן עִנְיָנִים' פוּן אַלֶע זִיבְּן בֶּענְדֶער, דָאס וֶועט פַארְגְרִינְגֶערְן צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן אַלֶעס וָואס מֶען וִויל טְרֶעפְן.

כָּל זְמַן מִיר וֶועלְן לֶערְנֶען אֲשֶׁר בַּנַּחַל אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן - אִיז גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מוֹהֲרַ"ן ז"ל אִיז דָא צְוִוישְׁן אוּנְז; נָאר וואוּ מֶען לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּנֶעם צַדִּיק - דָארְט אִיז דֶער צַדִּיק.

...

**אוֹיבְן אִין הִימְל קוּקְט מֶען וֶוער עֶס גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין וֶועג**
**פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי הַפָּצָה, הֲפָצָה אִיז דַיין תִּיקוּן; אַז דוּ וֶועסְט גֵיין הֲפָצָה וֶועסְטוּ פַארֶעכְטְן וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דֶעם טוּט מֶען פַארֶעכְטְן דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַז דוּ וֶועסְט גֵיין הֲפָצָה וֶועסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן וִוי מֶענְטְשְׁן שְׁטֵייעֶן אוּן וַוארְטְן אוֹיף דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, בִּפְרַט אוֹיף דִי נֵייעֶ קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה - אִישׁ אֱמוּנוֹת. דָאס רֶעדְט צוּ דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, עֶס וֶועקְט זֵיי אוֹיף צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דֶעם.

אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּן דָא, אוֹיבְן קוּקְט מֶען נִישְׁט וֶוער עֶס הָאט מֶער גֶעלְט, אַ שֶׁענֶערֶע הוֹיז אָדֶער אַ שֶׁענֶערֶע קַאר, אוֹיבְן קוּקְט מֶען וֶוער עֶס טוּט פַאר אַנְדֶערֶע, וֶוער עֶס גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין וֶועג פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, וֶוער עֶס אִיז עוֹסֵק אִין דִי גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה פוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא

דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתְּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סְלוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא, גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא וְגָרִים דְּאִסְתְּלַק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דֶער וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת, "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

מִיר זֶענֶען דוּרְכְאוֹיס דִי זוּמֶער וָואכְן אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי; עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּ' דָא, עֶס אִיז אַ רֵיינֶע פְּלַאץ, אַ פְּלַאץ פוּן אֱמוּנָה. אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָא צוּ זַיין בִּיז אַ וָואךְ פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דֶער שְׁלִיסְל פוּן קִינְדֶער לִיגְט נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הֶענְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער שְׁלִיסְל פוּן קִינְדֶער לִיגְט נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הֶענְט. חֲכָמֵינוּ

זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.): אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן: "שְׁלֹשָׁה מַפְתְּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דְרֵיי שְׁלִיסְלֶען לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "מַפְתֵּחַ שֶׁל גְּשָׁמִים", דִי שְׁלִיסְל פוּן רֶעגְן, "מַפְתֵּחַ שֶׁל חַיָּה", דִי שְׁלִיסְל פוּן קִינְדֶער, "וּמַפְתֵּחַ שֶׁל תְּחִיַּית הַמֵּתִים", אוּן דִי שְׁלִיסְל פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים; אַז מֶען וִויל אַרַיינְגֵיין אִין אַ פַארְמַאכְטֶע פְּלַאץ וָואס אִיז פַארְשְׁפַּארְט דַארְף מֶען זוּכְן וֶוער עֶס הָאט דִי שְׁלִיסְלֶען, מֶען פְרֶעגְט זִיךְ נָאךְ 'וֶוער הָאט דִי שְׁלִיסְל?' מֶען גֵייט צוּ יֶענֶעם אוּן מֶען בֶּעט יֶענֶעם פַאר דִי שְׁלִיסְל, אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיינְגֵיין.

אַז אִיר ווִילְט זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ קִינְדֶער דַארְפְט אִיר זִיךְ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן פַאר דִי שְׁלִיסְל. מַאכְט אַייךְ יֶעדְן טָאג אַ צַייט פַאר תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, בֶּעטְס אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אִיךְ בִּין אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ מִיט דִי דְרֵיי מַתָּנוֹת, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַזוֹי לִיבּ; יֶעצְט בֶּעט אִיךְ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר נָאךְ קִינְדֶער, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע שְׁטוּבּ מִיט אַסַאךְ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ"; אַזוֹי זָאלְט אִיר יֶעדְן טָאג טוּן, קוֹדֶם זָאלְט אִיר דַאנְקֶען אוּן נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר בֶּעטְן, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי סוֹטָה ז, א): "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְאַוֶּה לִשְׁמוֹעַ שִׂיחָתָן שֶׁל צִדְקָנִיּוֹת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלִיסְט צוּ הֶערְן דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן; דִי גְרֶעסְטֶע גְלִיסְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אִים מִיט תְּפִילּוֹת וּבַקָּשׁוֹת, מֶען דַאנְקְט אִים אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים אוּן מֶען בֶּעט אִים וָואס מֶען דַארְף, דָאס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר חָשׁוּב.

דֶער הֵיילִיגֶע זוֹהַר זָאגְט (פָּרָשַׁת בָּלָק, קצה.) נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי וֶוען אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ קוּמְט צוּ אִים אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ אוּן לֵייגְט פָאר זַיינֶע טַעֲנוֹת, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן. אַלֶע מַלְאָכִים, אַלֶע הִימְלֶען, אַלֶע פְרֶעגְן: "וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? פַארְוָואס דַארְף דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ פָארֶען כִּבְיָכוֹל מִיט דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער?" בִּיז מֶען עֶנְטְפֶערְט זֵיי: "דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע

הֶערְצֶער זֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס בַּאלִיבְּסְטֶע זַאךְ״.

קְלַאפְּט אַייךְ נִישְׁט אַרָאפּ מִיט דִי אַלֶע חֲלוֹמוֹת וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט, פַארְוָואס אִיר הָאט נִישְׁט נָאךְ קִינְדֶער; אֵיינֶער זָאגְט אִיר זָאלְט נִישְׁט עֶסְן קַיין מֶעל, אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט אִיר זָאלְט נִישְׁט עֶסְן צוּקֶער, אַ דְרִיטֶער זָאגְט - נִישְׁט עֶסְן קַיין טְשָׁאקָאלַאד; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ זַיין גְלֵייבֶּעדִיג, פְּרוּוְוען הָאבְּן דִי מַעֲלָה, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גְלוֹיבִּיג, זֵייעֶר תְּמִימוּת׳דִיג, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט גְלֵייבְּן זֵיי יֶעדֶע חָלוֹם, יֶעדֶע פַאנְטַאזְיֶע - פוּן יֶעדֶע פְּרוֹי, מֶען דַארְף נִישְׁט יֶעדְן אוֹיסְהֶערְן.

ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס הֶערְט אוֹיס וָואס צַדִיקִים זָאגְן, עֶר נֶעמְט עֵצוֹת פוּן צַדִיקִים, עֶר לֶעבְּט מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; וֶועט עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִיר קְלָאגְן אוֹיפְ׳ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּנֵי בְּרַק, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

זַייט מִיר מוֹחֵל, אִיךְ דַארְף וֶועְן שְׁרַייבְּן פַאר אַייךְ יֶעדְן טָאג אַ בְּרִיווּ, כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ; וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל זַאכְן וָואס לִיגְט אוֹיף מִיר צוּ טוּן, זַייט מִיר דַן לְכַף זְכוּת; אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן פוּן יֶעצְט צוּ מַאכְן צַייט צוּ שְׁרַייבְּן פַאר דִי טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִין דִי דְרֵיי וָואכְן, דִי טֶעג זֶענֶען טֶעג וָואס מִיר קְלָאגְן אוֹיפְ׳ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן סז) אַז דֶער עִיקָר חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּנֶעם צַדִיק, דִי צַדִיקֵי אֱמֶת זֶענֶען פַארְשְׁטֶעלְט פוּן דִי וֶועלְט, וֶוער אִיז גְרוֹיס? וֶוער אִיז

חָשׁוּב? טָאטֶערְן, זַאכְן וָואס זֶענֶען גָארְנִישְׁט, דָאס אִיז שְׂרֵפַת בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; אוֹיף דֶעם וֵויינֶען מִיר, אוֹיפְ'ן צַדִּיק וָואס אִיז פַּארְשְׁטֶעלְט פוּן דֶער וֶועלְט. ווייל וֶוען דֶער צַדִּיק וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען פַּארְשְׁטֶעלְט, וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען דֶער חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. קוּקְט דֶעם לָשׁוֹן פוּן רֶבִּי'ן: "וְעַל זֶה נֶאֱמַר: 'תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת, בְּנֵי צִיּוֹן הַיְקָרִים הַמְסֻלָּאִים בַּפָּז' וְכוּ' (אֵיכָה ד), דְּהַיְנוּ שֶׁיִּשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים מִתְגַּלְגְּלִים, חַס וְשָׁלוֹם, בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת, כִּי נִסְתַּלֵּק וְנִתְעַלֵּם הָרֹאשׁ בַּיִת, דְּהַיְנוּ הַצַּדִּיק הָאֲמִתִּי, וְנִתְגַּבֵּר, חַס וְשָׁלוֹם, הַהֵפֶךְ, שֶׁהוּא בְּחִינַת שֵׁם שֶׁל הַטֻּמְאָה שֶׁל הַחִיצוֹנִים, בְּחִינַת רֹאשׁ כָּל חוּצוֹת כַּנַּ"ל", אִידִישֶׁע קִינְדֶער וַואלְגֶערְן זִיךְ אִין דִי גַאסְן, נִישְׁטָא קֵיין הוֹיז פַאר זֵיי; דֶער צַדִּיק, דֶער רֹאשׁ בַּיִת - אִיז פַארְהוֹילְן.

מִיר דַארְפְן אִין דִי טֶעג זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עֹז, דָאס אִיז בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לג.): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה כְּאִילוּ נִבְנָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו", וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, בַּיי אִים אִיז אַזוֹי וִוי דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז אוֹיפְגֶעבּוֹיט, עֶר שְׁפִּירְט יֶעצְט וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע גִּלּוּי אֱלֹקוּת, אַ פְּלַאץ וואו מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מֶען הָאט דֵּעָה, מֶען הָאט שֵׂכֶל, מֶען וֵוייסְט, מֶען גְלֵייבְּט אוּן מֶען לֶעבְּט מִיט 'מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרֵךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם', מֶען גֶעדֶענְקְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס - אִיז מֶען נִישְׁט אִין גָלוּת, דֶער גוּף אִיז אִין גָלוּת, אָבֶּער דֶער קָאפּ, דֶער מֹחַ - אִיז נִישְׁט אִין גָלוּת, דִי נְשָׁמָה אִיז נִישְׁט אִין גָלוּת. וֶוען מֶען פַאלְט אוּנְטֶער טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָּל - דֶעמָאלְט אִיז מֶען אִין גָלוּת בְּגוּף וָנֶפֶשׁ; אִין דִי טֶעג דַארְף מֶען מֶער עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אַלֶעמֶען 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט'.

טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְטְלוֹיפְט פוּן פָּאלִיטִיק, עֶס זָאל עֶנְק נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן דִי זַאכְן; אַלֶע פַּארְטֵייעֶן, פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן עֶנְדֶע - אִיז

נָאר שְׂרָרָה, כָּבוֹד און גֶעלְט. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא דָאס צוּ זָאגְן און צוּ שְׁרַייבְּן, קֶען זַיין אִיר זֶענְט נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דִי שְׁפְּרַאךְ, קֶען זַיין עֶס זֶענֶען דָא צְוִוישְׁן אַייךְ וָואס טְרַאכְטְן אַז דִי פַּארְטֵיי אִיז אַ יְשׁוּעָה, דִי פַּארְטֵיי אִיז אַ גְאוּלָה וְכוּ׳ וְכוּ׳; זָאלְט אִיר ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז פָּאלִיטִיק, אַלֶע פַּארְטֵייעֶן זֶענֶען אֵיין שְׁטִיק לִיגְנְט, אָךְ און וֵויי וֶוער עֶס הָאט שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי.

לֵיינְט נִישְׁט קַיין צֵייטוּנְג, בִּפְרַט דִי פְרוּמֶע צֵייטוּנְג; פוּן דֶעם זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן, זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז דָאס אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִי תּוֹרָה. אַנְשְׁטָאט לֵיינֶען דִי צֵייטוּנְג זָאלְט אִיר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מַאכְט אַייךְ שִׁיעוּרִים אִין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. מַאכְט אַ שִׁיעוּר אִין חוּמָשׁ רַשִׁ״י יֶעדְן טָאג, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי און אַזוֹי וַוייטֶער. נָאךְ אַ שִׁיעוּר זָאלְט אִיר מַאכְן אִין מִשְׁנַיוֹת, יֶעדֶער אֵיינֶער וויפִיל עֶר קֶען, פוּן אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אָדֶער צְוֵויי דְרֵיי, אַכְצְן אָדֶער מֶער, וויפִיל צַייט אִיר הָאט. מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, לֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, עֶס אִיז דָאךְ אַ מְחַיֶּ׳ אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. מַאכְט אַ שִׁיעוּר אִין הֲלָכָה, אִין מֶדְרָשׁ, זוֹהַר און אַזוֹי וַוייטֶער.

גְרֵייט אַייךְ צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. ווִי אַזוֹי גְרֵייט מֶען זִיךְ? מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. נֶעמְט יֶעדְן טָאג אַ מִינוּט צְוֵויי צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, זָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וויל זַיין אִין אוּמַאן דֶעם יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ ווִיל אַ תִּיקּוּן פַאר מַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַלֶע שְׁפֶּעטְן פוּן מִיר, אַלֶע מַאכְן חוֹזֶק פוּן מִיר אַז אִיךְ פָאר קַיין אוּמַאן, מֶען וָוארְנְט מִיר אַז מֶען וֶועט מִיר שְׁלֶעכְטְס טוּן אוֹיבּ אִיךְ פָאר קַיין אוּמַאן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ וֵוייסְט דָאךְ דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת, פַארְוָואס פָאר אִיךְ קַיין אוּמַאן? פַארְוָואס גֵיי אִיךְ צוּם רֶבִּי׳ן? נָאר וַוייל אִיךְ ווִיל מְתַקֵּן זַיין וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער אִיךְ בִּין, דוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט; אִיךְ הָאבּ אַזַא יֵצֶר הָרָע וָואס בְּרֶענְט אִין מִיר, עֶר וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, און דָא אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס קֶען מִיר

הֶעלְפְן, אִיךְ ווִיל פָארְן צוּ אִים, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טַאקֶע אָנְקוּמֶען צוּ אִים".

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ אַייךְ, אִיךְ בַּאקוּם בְּרִיוו פוּן אַ טֵייל פוּן עֶנְק, אִיךְ וַוארְט אוֹיף בְּרִיוו פוּן יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער; אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ עֶנְטְפֶערְן, אָבֶער אִיךְ לֵיין אַלֶע בְּרִיוו, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ' וֶוען אִיר שְׁרַייבְּט מִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...


בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
איף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל
הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן
הדפסה
היכל
הקודש
718·387·2691
subscribe@kerenhadfusa.org אדער שיקט א אימעיל צו:
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com